כה. בנוגע צו פרש"י אויף פרשה זו - איז דא א פרש"י וואס אזוי לערנט מען אים בפשטות, אבער ווען מ'איז זיך מתבונן אין דערויף, ובפרט ווען מ'פארגלייכט דאס מיטן מקור אין מדרז"ל פון וואנעט דער פירוש איז גענומען - זעט מען אז דער פירוש איז מלא שאלות וועלכע דארפן האבן א ביאור.

אוצר החכמה

אין קאפיטל ו' אנהויבנדיק פון פסוק כו, שטעלט זיך רש"י אויף דעם כפל הלשון וואס מ'זעט אין די פסוקים: אין פסוק כו שטייט "הוא אהרן ומשה", און דערנאך אין פסוק כז שטייט "הם המדברים אל פרעה", און דערנאך אין זעלבן פסוק שטייט נאכאמאל "הוא משה ואהרן" - וואס לכאו' איז דאס א כפל לשון.

איז רש"י מפרש דאס וואס ס'שטייט "הוא אהרן ומשה" - וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דא דער פסוק מחדש, מ'ווייסט דאך פון פריער אז דא רעדט זיך וועגן אהרן ומשה, האט דער פסוק געדארפט גלייך אנהויבן אז "אמר ה' להם (צו די וועגן וועלכע ס'רעדט זיך פריער), אדער זאגן "אהרן ומשה אשר אמר ה' להם גו'", אן דעם ווארט "הוא" -

זאגט רש"י דעם פירוש בזה: "אלו שהוזכרו למעלה שילדה יוכבד לעמרם הוא אהרן ומשה אשר אמר ה'", אז דער פירוש פון "הוא אהרן ומשה" איז - "אלו שהוזכרו למעלה כו'" (די זעלבע וואס "הוזכרו למעלה").

דערנאך איז רש"י ממשיך אז דא שטייט "הוא אהרן ומשה", פריער אהרן און דערנאך משה, און דערנאך (אין דעם פסוק שלאח"ז) שטייט "הוא משה ואהרן", פריער משה און דערנאך

- אהרן -

----

123) ראה יב, כ. 124) ספרי עה"פ. ספרי ופרש"י עה"פ שופטים כ, ח.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 703 הודפס ע"י

אהרן - "יש מקומות שמקדים אהרן למשה ויש מקומות שמקדים משה לאהרן, לומר לך ששקולין כאחד".

.דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "הם המדברים גו'", און מ'ברענגט אפ: "הם שנצטוו הם שקיימו". און דערנאך שטעלט ער זיך אויף "הוא משה ואהרן", און זאגט: "הם בשליחותם ובצדקתם מתחלה ועד סוף".

כו. איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

א) דער פירוש פון רש"י איז גענומען פון הוספתא אין סוף מסכת כריתות, און פון מדרש רבה אין אנהויב פון פ' בראשית, וואס דארטן שטייט "בכל מקום הוא מקדים משה לאהרן ובמקום אחד הוא אומר הוא אהרן ומשה, מלמד ששניהן שקולין זה כזה" - ניט ווי רש"י זאגט "יש מקומות שמקדים אהרן למשה". נאר "במקום אחד הוא אומר הוא אהרן ומשה".

וואס די קושיא אין דערויף איז - ס'איז דאך אן ענין של מציאות. איז מבנ"פ: אויב ס'איז דא בערנינט ווי "מקום אחד" וואו ס'שטייט אהרן פאר משה, איז וואס זאגט רש"י "יש מקומות שמקדים אהרן למשה"; און אויב ס'זיינען דא "מקומות שמקדים אהרן למשה", איז פארוואס שטייט אין הוספתא און אין מדרש "במקום אחד הוא אומר הוא אהרן ומשה"?!

ב) די קושיא (אז "יש מקומות שמקדים אהרן למשה ויש מקומות שמקדים משה לאהרן") ווערט דאך ערשט ווען מ'קומט צום צווייטן פסוק, וואס דארטן שטייט "הוא משה ואהרן" (וואס דארטן ווערט די קושיא אז פריער שטייט "הוא אהרן ומשה") - האט זיך רש"י געדארפט שטעלן אויף "הוא משה ואהרן". פארוואס באווארענט דאס רש"י גלייך ווען מ'שטייט "הוא אהרן ומשה"?

ג) נאכמער: ניט נאר אז רש"י באווארענט דאס גלייך אין דעם פסוק "הוא אהרן ומשה" (און ניט אין דעם פסוק "הוא משה ואהרן"), נאר ער באווארענט דאס ניט אין א באזונדער ד"ה, נאר בהמשך אחד דערמיט וואס ער זאגט פריער "אלו שהוזכרו למעלה שילדה יוכבד לעמרם הוא אהרן ומשה אשר אמר ה'", איז ער ממשיך "יש מקומות שמקדים כו'"?

מיט נאך כמה דיוקים - וכפי שיתבאר לקמן.

כז. ווען רש"י קומט צו פסוק כז, וואס דארטן שטייט "הם המדברים וגו'" - ווערט דא די זעלבע שאלה: ס'איז א כפל הלשון, מ'ווייסט דאך ווען ווערט עס רעדט זיך? - זאגט רש"י: "הם שנצטוו הם שקיימו".

- ווערט -

---

125) ספ"א.

הנחה הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 704 הודפס ע"י

ווערט גלייך א שאלה ביים בן חמש למקרא: וואס איז דער חידוש אז משה ואהרן האבן געטאן דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי געהייסן, יעדער פשוט׳ער בו"ד, ווען דער אויבערשטער וועט אים הייסן עפעס טאן (ובפרט טאן אזא זאך ווי גיין און איבערגעבן דעם אויבערשטן׳ס שליחות), וועט ער דאס זיכער מקיים זיין - איז וואס איז דער חידוש פון דעם פסוק "הם המדברים גו׳", אז "הם שנצטוו הם שקיימו"?

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף דעם וואס ס׳שטייט "הוא משה ואהרן" - וואס דא איז לכאו׳ ווייטער א כפל לשון? - זאגט רש"י: "הם בשליחותם ובצדקתם מהחלה ועד סוף".

וואס אין דערויף איז ניט פארשטאנדיק:

א) וויבאלד אז אין פסוק שטייט "<u>הוא</u> משה ואהרן", איז פארוואס איז רש"י משנה פון לשון הפסוק און זאגט "<u>הם</u> בשליחותם כו׳"?

ב) נאך דערויף וואס דער בן חמש למקרא זעט אז רש"י זאגט "<u>הם</u> בשליחותם וכו׳" - ווערט ביי אים א קושיא אויף לשון הפסוק "<u>הוא</u> משה ואהרן":

משה ואהרן זיינען דאך <u>צוויי</u> מענטשן (ווי רש"י זאגט טאקע "<u>הם</u> בשליחותם כו׳"), איז פארוואס זאגט דער פסוק "<u>הוא</u> משה ואהרן"?

[די קושיא ווערט געפרעגט אין זהר[11] - מ׳געפינט אבער ניט אז רש"י זאל באווארענען די קושיא, ואדרבה: רש"י אליין איז מדגיש "<u>הם</u> בשליחותם כו׳"].

מיט נאך כמה דיוקים - וכפי שיתבאר לקמן.

לו. דער ביאור אין פרש"י:

דער דיוק אויף וועלכן רש"י שטעלט זיך אין פשש"מ איז - ניט דער לשון "הוא משה ואהרן" (ווארום ע"פ דרך הפשט איז ניטא קיין נפק"מ צי ס'שטייט "הוא אהרן ומשה", אדער אז ס'שטייט אין אן אנדער לשון), נאר דער כפל הענין וואס עס חזר'ט זיך איבעד נאכאמאל "אהרן ומשה" (אע"פ אז מ'ווייסט שוין פון פדיער אז עס רעדט זיך וועגן "אהרן ומשה").

[וואס דאס איז דער חילוק צווישן דרך הפשט מיט דרך הדרוש - אז אין דרך הדרוש איז דער דיוק אויפן לשון "הוא אהרן ומשה", משא"כ אין דרך הפשט איז דער דיוק (ניט אויפן לשון "הוא אהרן ומשה", נאר) אויף דעם וואס עס חזר'ט זיך איבער נאכאמאל "אהרן ומשה"].

און אויף דערויף זאגט רש"י "אלו שהוזכרו למעלה שילדה יוכבד לעמרם הוא אהרן ומשה אשר אמר ה'" - וואס דערמיט איז רש"י מבאר פארוואס חזר'ט מען איבער נאכאמאל "הוא אהרן ומשה"

דאס וואס דער פסוק זאגט "הוא אהרן ומשה", איז ניט כדי אז מ'זאל וויסן אז דאס זיינען "אלו שהוזכרו למעלה" (ניט קיין אנדערע "אהרן ומשה" - ווארום עס איז קיינמאל ניט דער-מאנט געווארן קיין אנדערע "אהרן ומשה"), נאר אויף צו מדגיש זיין "אלו האמורים למעלה שילדה יוכבד לעמרם", וואס מצד דער מעלה (אז זיי זיינען געוועזן די וואס "ילדה יוכבד לעמדם"), האבן זיי זוכה געוועזן צום "אשר אמר ה' להם הוציאו את בנ"י מארץ מצרים".

והביאור בזה:

רש"י האט שוין געזאגט פריער[156] אז "יוכבד" איז געוועזן איינע פון די "מילדות העבריות" ("שם האחת שפרה - זו יוכבד"), וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געוועזן אויף דעם ענין פון "ותחיין את הילדים"[157], וואס דערפאר זיינען זיי ניט נתפעל געווארן פאר גזירת פרעה, און זיי זיינען ניט נתפעל געווארן דערפון וואס פרעה האט זיי געזאגט "מדוע עשיתן את הדבר הזה ותחיין את הילדים"[158].

ועד"ז בנוגע צו עמרם - האט מען געלערנט פריער[159] אז

- "ויקח" -

---

156) עה"פ שמות א, טו. 157) שמות שם, יז. 158) שם, יח. 159) שם ב, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 713 הודפס ע"י א

"ויקח את בת לוי", נאך דערויף וואס ער האט חרטה געהאט רערפון וואס "הי' פרוש ממנה מפני גזירת פרעה", און "החזירה ועשה בה לקוחין שניים"[160], וואס רערפון איז פארשטאנ ריק אז עמרם האט געהאלפן מבטל זיין גזירת פרעה.

און וויבאלד אז אהרן און משה זיינען געווען די וואס "בלרה יוכבר לעמרם", וואס יוכבד און עמרם האבן געהאט רעם עניין המס"נ וכיו"ב - דערפאר האבן זיי זוכה געווען אז דער אויבערשטער האט זיי אויסגעקליבן זיי זאלן ארויסנעמען די אידן פון מצרים.

לז. דערנאך איז רש"י ממשיך: "יש מקומות שמקדים אהרן למשה ויש מקומות שמקרים משה לאהרן, לומר ששקולין כאחר" - וואס דערמיט ווערט אויך פארענטפערט פארוואס הזר'ט איבער דער פסוק נאכאמאל "הוא משה ואהרן" - "לומר לך ששקולין כאחד" (דורך דערויף וואס דא איז דער פסוק מקדים אהרן פאר משה).

און דערמיט באווארענט רש"י אויך דעם טעם השינוי וואס דא שטייט "אהרן ומשה" (אהרן פאר משה) - "לומר לך ששקולין כאחד".

ועפ"ז איז פארשטאנדיק פארוואס שטעלט זיך רש"י אויף "הוא אהרן ומשה" (אין פסוק כו), און ער ווארט ניט ביז מ'וועט לערנען אז ס'שטייט "הוא משה ואהרן" (אין פסוק כז) - ווארום רש"י קומט פארענטפערן דעם כפל הענין, דאס וואס דער פסוק חזר'ט איבער נאכאמאל "אהרן ומשה" (אע"פ אז מ'ווייסט שוין פון פריער אז עס רעדט זיך וועגן "אהרן ומשה"), און במילא ווערט אויך פארענטפערט דער טעם השינוי וואס דא איז דער פסוק מקדים "אהרן ומשה".

לח. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס זאגט רש"י "יש מקומות שמקדים אהרן למשה", אע"פ אז אין מדרש שטייט "במקום אחר הוא אומר הוא אהדן ומשה":

מ'האט דערמאנט פריער (סל"ו) אז ס'איז דא א חילוק צווישן דרך הפשט מיט דרך הדרוש - אז אין דרך הדרוש איז דער דיוק אויף דעם וואס ס'שטייט "הוא אהרן ומשה" (דער לשון "הוא"), און אין דרך הפשט איז דער דיוק (ניט אויפן "הוא", נאר) אויף דעם כפל הענין וואס ס'שטייט נאכאמאל "אהרן ומשה".

און דערפאר שטייט אין מדרש "במקום אחר הוא אומר הוא אהרן ומשה", ווארום אין דרך הדרוש איז דער דיוק אויפן

- ווארט -

---

160) פרש"י עה"פ.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 714 הודפס ע"י

ווארט "הוא אהרן ומשה", און דער לשון "הוא אהרן ומשה", שטייט טאקע מערניט ווי "במקום אחד"; משא"כ אין פרש"י, וואס לויט דרך הפשט איז דער דיוק אויף כללות הענין וואס ס'שטייט "אהרן ומשה" (ניט אויף דעם וואס ס'שטייט "הוא אהרן ומשה"), זאגט רש"י "יש מקומות שמקדים אהרן למשה", ווארום ס'זיינען טאקע דא כמה מקומות וואו ס'שטייט אהרן פאר משה (אן דעם ווארט "הוא"); ס'שטייט[161] "ותלד לו את אהרן ואת משה", און ס'שטייט[162] "ואלה תולדות אהרן ומשה".

לט. עפ"ז וועט ווערן פארענטפערט נאך א קלאץ-קשיא:

אין מדרש (ועד"ז אין תוספתא) שטעלט ער זיך אויפן פסוק[163] "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים", אז "בכל מקום הוא מקדים בריאת שמים לארץ, ובמקום אחד הוא אומר ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים, מגיד ששניהם שקולין זה כזה".

ועד"ז שטעלט ער זיך דארטן אויפן פסוק[164] "איש אמו ואביו תיראו", אז "בכל מקום הוא מקדים אב לאם, ובמקום אחד הוא אומר איש אמו ואביו תיראו, מגיד ששניהם שקולין זה כזה

ווען מ'גיט אבער א קוק אין פרש"י, זעט מען אז רש"י שטעלט זיך אינגאנצן ניט אויפן פסוק "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים".

איז ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז בפרשהנו ברענגט רש"י פון מדרש (און פון תוספתא) דעם לימוד אז "שקולין כאחד", איז דערפון פארשטאנדיק אז דאס (וואס "יש מקומות שמקדים אהרן למשה ויש מקומות שמקדים משה לאהרן") איז א קושיא אין פשש"מ - האט זיך רש"י געדארפט שטעלן אויך אויפן פסוק "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים", און מבאר זיין פארוואס "בכל מקום הוא מקדים בריאת שמים לארץ, ובמקום אחד הוא אומר ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים"?

ועד"ז ווען מ'קוקט אין פרש"י אויפן פסוק "איש אמו ואביו תיראו", זעט מען אז רש"י ברענגט ניט אראפ דאס וואס ס'שטייט אין מדרש "מגיד ששניהן שקולין זה כזה", נאר ער זאגט "כאן הקדים אם לאב לפי שגלוי לפניו שהבן ירא את אביו יותר מאמו, ובכבוד הקדים אב לאם לפי שגלוי לפניו שהבן מכבד את אמו יותר מאביו".

ועד"ז איז די שאלה בנוגע צו די אנדערע דוגמאות וואס שטייען אין מדרש, בנוגע צו כבשים ועזים וכו', אז "שקולין זה כזה", און רש"י ברענגט דאס ניט אראפ בפירושו.

- וכפי -

---

161) פרשתנו ו, כ. 162) במדבר ג, א. 163) בראשית ב, ד. 164) קדושים יט, ג.

הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 715 הודפס ע"י

וכפי שיתבאר לקמן.

מ. נאך דערויף וואס מ'זעט דאס וואס רש"י זאגט אויפן פסוק "איש אמו ואביו תיראו" – ווערט א קלאץ-קשיא אין די פסוקים שבפרשתנו:

לויט דעם וואס רש"י זאגט אז בנוגע צו מורא "הקדים אם לאב לפי שגלוי לפני שהבן ירא את אביו יותר מאמו", און "בכבוד הקדים אב לאם לפי שגלוי לפניו שהבן מכבד את אמו יותר מאביו", ד.ה. אז אין יעדער ענין איז מען מקדים דאס וואס איז מער <u>עיקר</u> (בא מורא – אם פריער, און בא כבוד – אב פריער) – האט דער סדר אין די פסוקים שבפרשתנו געדארפט זיין פארקערט:

אין דעם ערשטן פסוק, וואו עס שטייט "אשר אמר ה' להם הוציאו את בנ"י מארץ מצרים", האט געדארפט שטיין "הוא <u>משה</u> ואהרן", און אין דעם צווייטן פסוק, וואו עס שטייט "הם המדברים אל פרעה מלך מצרים", האט געדארפט שטיין "הוא <u>אהרן</u> ומשה" – ווארום:

דער בן חמש למקרא ווייסט אז בנוגע צו דעם ענין פון יצי"מ, איז <u>משה</u> רבינו געווען דער עיקר, משה רבינו איז געווען "גואלן של ישראל", ער איז געווען דער וואס האט ארויסגענומען אידן פון מצרים; און בנוגע צו רעדן מיט פרעה איז <u>אהרן</u> געווען דער עיקר, ווארום משה רבינו איז געווען "כבד פה וכבד לשון"[103], וואס דערפאר האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז <u>אהרן</u> "יהי' לך לפה"[104].

איז לכאו', ווען עס רעדט זיך וועגן "הוציאו את בנ"י מארץ מצרים", דארף שטיין "הוא <u>משה</u> ואהרן", ווארום אין דעם ענין פון יצי"מ איז משה געווען דער עיקר; און ווען עס רעדט זיך וועגן "<u>המדברים</u> אל פרעה", דארף שטיין "הוא <u>אהרן</u> ומשה", ווארום בנוגע צו דעם ענין פון דיבור מיט פרעה, איז אהרן געווען דער עיקר.

איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס בא "הוציאו את בנ"י מארץ מצרים" שטייט "הוא <u>אהרן</u> ומשה", און בא "המדברים אל פרעה" שטייט "הוא <u>משה</u> ואהרן"?

וכפי שיתבאר לקמן.

מו. דער ביאור אין פרש"י:

מ'געפינט אין פרש"י בכ"מ, אז ווען רש"י זאגט א פירוש וואס "לא מצאתי לו חבר" (מ'געפינט דאס ניט אין א צווייטן ארט), איז אים שווער צו זאגן אז דאס איז זיכער דער פירוש התיבה (אדער פירוש הענין), וויבאלד אז "לא מצאתי לו חבר".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת מ'זעט אז ס'איז דא איין מאל וואס א געוויסער ענין שטייט מיט א' סדר הפכי דערפון ווי ס'שטייט אלעמאל, איז אין פשש"מ שווער צו זאגן אז דערפון איז א הוכחה אז "שקולין כאחד"; סיידן ווען מ'זעט אז ס'זיינען דא כמה מקומות וואו דער סדר שטייט באופן הפכי, וואס דעמולט איז דאס א הוכחה אז "שקולין כאחד".

וואס דערפאר ווען מ'קומט צום פסוק "איש אמו ואביו תיראו", און מ'זעט אז דא איז "הקדים אם לאב", אע"פ אז אומעטום איז מען מקדים אב לאם - איז וויבאלד אז דאס איז מערניט ווי א "מקום אחד", איז ע"פ פשש"מ ניט מסתבר צו זאגן אז דערפון איז א הוכחה אז "שקולין כאחד".

ובפרט אז דער בן חמש למקרא ווייסט אז "הוא ואמו חייבין בכבוד אביו"[194] - און דאס וואס מ'וויל זאגן אז "שקולין כאחד", איז נאר ווען ס'איז ניטא קיין סתירה צווישן ציווי האב מיט ציווי האם.

און דערפאר זוכט רש"י א ביאור פארוואס איז מען דא מקדים אם לאב - און אויף דערויף זאגט ער: "לפי שגלוי לפניו שהבן ירא את אביו יותר מאמו".

עד"ז ווען מ'קומט צום פסוק "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים" - איז וויבאלד אז דאס איז דער איינציקער ארט וואו ס'שטייט "ארץ" פאר "שמים", איז ע"פ פשש"מ ניט מסתבר צו זאגן אז דערפון איז א הוכחה אז "שקולין כאחד".

- ובפרט -

---

194) כריתות כח, א.

הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 722 הודפס ע"י

ובפרט אז דאס (זאגן אז שמים וארץ זיינען "שקולין כאחד") איז א זאך וואס לייגט זיך אינגאנצן ניט אין שכל:

דער בן חמש למקרא ווייסט אז "שמים" איז א געוואלדיקע זאך, "שמים לרום"[195], ובפרט אז ער זעט אז יעדער ענין פון קדושה פארבינדט מען מיט "שמים"; מ"ת איז געווען "מן השמים"[196], דער ענין פון נבואה איז פארבונדן מיט שמים, און אלע עניני קדושה זיינען פארבונדן מיט שמים - איז פארוואס זאל מען מיטאמאל זאגן אז וויבאלד ס'שטייט אין איין ארט "ארץ ושמים", זיינען שמים וארץ "שקולין כאחד"?!

און אין דעם פסוק "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים", דארף רש"י ניט באווארענען פארוואס שטייט דא "ארץ ושמים" (און ניט ווי ס'שטייט אומעטום, שמים פאר ארץ) - ווארום:

דער בן חמש למקרא זעט אז אומעטום וואו עס רעדט זיך וועגן שמים וארץ, שטייט דער לשון בריאה ("בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", "אלה תולדות השמים והארץ בהבראם"), און דא איז דער פסוק משנה און זאגט "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים".

וואס דערפון פארשטייט ער אז ווען עס רעדט זיך וועגן דעם ענין פון עשי', וואס דער ענין פון "ויעש" איז, ווי רש"י[197] טייטשט אפ: "תקנם בצביונם בתקונן ובקומתן" - איז "ארץ" פאר "שמים", ווארום דער ענין פון עשי' איז געווען מער אין ארץ און בכל פרטי הארץ, משא"כ אין שמים, און דערפאר שטייט "ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים".

אבער בפרשתנו - וויבאלד אז "יש מקומות שמקדים אהרן למשה", איז דערפון א הוכחה אז "שקולין כאחד".

מז. דער ביאור אין דעם וואס בנוגע צו "הוציאו את בנ"י מארץ מצרים" שטייט "הוא אהרן ומשה" (אע"פ אז בנוגע צו דעם ענין פון יצי"מ איז משה געווען דער עיקר), און בנוגע צו "המדברים אל פרעה" שטייט "הוא משה ואהרן" (אע"פ אז בנוגע צום דיבור מיט פרעה איז אהרן געווען דער עיקר):

אויף "הוא אהרן ומשה אשר אמר ה' להם הוציאו את בנ"י גו'", טייטשט אפ רש"י "אלו שהוזכרו למעלה שילדה יוכבד לעמרם", און ווי גערעדט פריער (סל"ו) דעם ביאור אין פרש"י אז רש"י איז מבאר אז דער פסוק חזר'ט איבער נאכאמאל "אהרן ומשה", אויף צו מבאר זיין פארוואס האבן זיי זוכה געווען אז דער אויבערשטער זאל זיי שיקן ארויסנעמען אידן פון

- מצרים -

---

195) משלי כה, ג. 196) יתרו כ, יט. 197) עה"פ בראשית א, כה.

הנחה הה' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 723 הודפס ע"י

מצרים - דערפאר וואס "הוא אהרן ומשה" - "אלו שהוזכרו למעלה שילדה יוכבד לעמרם", וואס בא יוכבד און עמרם איז געווען דער ענין המס"נ וכיו"ב (כנ"ל בארוכה).

און וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיט "שילדה יוכבד לעמרם", איז דער פסוק מקדים אהרן פאר משה, "הוא אהרן ומשה", ווארום לידת אהרן איז געווען פאר לידת משה.

און בנוגע צו "המדברים אל פרעה", שטייט "הוא משה ואהרן" - ווארום מ'האט שוין געלערנט פריער[199] אז "באו משה ואהרן ויאמרו אל פרעה", פריער משה און דערנאך אהרן, און אויך בפרשתנו, נאך דערויף וואס משה רבינו האט גע'טענה'ט "הן בנ"י לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה ואני ערל שפתים"[199] איז "וידבר ה' אל משה ואל אהרן ויצום אל בנ"י ואל פרעה מלך מצרים"[200], מערניט וואס "צירף לו הקב"ה את אהרן להיות לו לפה ולמליץ"[201].

און דער סדר אין דערויף איז געווען, אז "אתה תדבר את כל אשר אצוך ו(את"כ) אהרן אחיך גו'", "ימליצנו ויטעימנו באזני פרעה"[202], און דערפאר שטייט "הם המדברים אל פרעה גו' הוא משה ואהרן".

מח. דער ביאור אין דעם וואס רש"י טייטשט אפ אויף "הם המדברים" - "הם שנצטוו הם שקיימו":

מ'האט גערעדט פריער (סל"ו) ווי רש"י טייטשט אפ דעם פסוק "הוא אהרן ומשה אשר אמר ה' להם הוציאו את בנ"י מארץ מצרים" - אז מצד דערויף וואס אהרן ומשה זיינען געווען די וואס "ילדה יוכבד לעמרם", וואס בא זיי איז געווען דער ענין פון מס"נ וכיו"ב, האבן זיי זוכה געווען אז "אשר אמר ה' להם הוציאו את בנ"י מארץ מצרים".

און בהמשך לזה זאגט דער פסוק "הם המדברים" - "הם שנצטוו הם שקיימו", אז אע"פ אז זייער שליחות איז געווען פארבונדן מיט מס"נ,

ווי מ'האט שוין געלערנט פריער[203] ווי משה ואהרן זיינען געגאנגען צו פרעה, און ווי אזוי האט זיך פרעה אויפגעפירט מיט זיי, און אז דערנאך איז געווען "ויצו פרעה גו' את הנוגשים בעם ואת שוטריו וגו'"[204],

אעפ"כ, האבן זיי מקיים געווען און געטאן די שליחות

- וואס -

----

198) שמות ה, א. 199) פרשתנו ו, יב. 200) שם, יג. 201) פרש"י עה"פ. 202) שם ז, ב ובפרש"י. 203) שמות ה, א ואילך. 204) שם, ו.

הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 724 הודפס ע"י

וואס דער אויבערשטער האט זיי געהייסן טאן, "הם שנצטוו הם שקיימו", אע"פ אז אויף דערויף האט מען געדארפט אנקומען צו מס"נ - וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס "ילדה יוכבד לעמרם", וואָרום וויבאלד אז בא יוכבד איז געווען דער ענין המס"נ, האבן זיי (אהרן ומשה) אויך געהאט די זעלבע תכונות הנפש.

מט. דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "הוא משה ואהרן", און טייטשט אפ: "הם בשליחותם ובצדקתם מתחלה ועד סוף":

בנוגע צו דעם וואס מ'זאגט אז משה ואהרן זיינען "שקולין כאחד" - זיינען דא צוויי ענינים: "הם בשליחותם ובצדקתם מתחלה ועד סוף", אין אן אופן אז "שקולין כאחד", סיי אין דעם ענין פון "אשר אמר ה' להם הוציאו את בנ"י מארץ מצרים", און סיי אין דעם ענין פון "הם המדברים אל פרעה"; אבער אין דערויף גופא זאגט מען "הוא משה ואהרן", און ניט "הם", וואָרום ס'איז פארט אינו דומה דער חלק וואס משה רבינו האט געהאט אין דער שליחות מיטן חלק וואס אהרן האט געהאט אין דער שליחות.

ווי ס'איז פארשטאנדיק בפשטות אז ס'זיינען געווען חילוקים צווישן משה מיט אהרן - ס'זיינען געווען ענינים וואס זיינען געווען ביי אהרן און ניט בא משה, ווי מ'האט געלערנט פריער[205] אז "ויחר אף ה' במשה" אויף דעם וואס ער דינגט זיך וכו', און ווי רש"י ברענגט דארטן (דעם צווייטן פירוש) אז אויף דערויף איז געווען אן עונש וכו', משא"כ בנוגע צו אהרן האט דער אויבערשטער געזאגט אז "וראך ושמח בלבו"[206], וואס דאס איז א מעלה אין צדקתו של אהרן לגבי צדקתו של משה;

ועאכו"כ אז ס'איז דא א מעלה בא משה לגבי אהרן - וואָרום "משה קבל תורה מסיני"[207], און ווי רש"י[208] זאגט אז בא מ"ת איז געווען "אתה (משה) מחיצה לעצמך ואהרן מחיצה לעצמו כו'", מיט נאך כו"כ ענינים וואו מ'זעט די מעלה פון משה לגבי אהרן,

און ווי מ'זעט אויך אז ווען משה רבינו האט גע'טענה'ט צום אויבערשטן אז ער וויל ניט "ליטול גדולה על אהרן אחיו"[209] האט אים דער אויבערשטער געזאגט (ניט אז ער וועט ניט זיין גרעסער פון אהרן, נאר) אז "וראך ושמח בלבו", ווי רש"י טייטשט אפ "לא כשאתה סבור שיהא מקפיד עליך שאתה עולה לגדולה".

- און -

---

205) שם ד, יד. 206) שם. 207) אבות רפ"א. 208) עה"פ יתרו יט, כד. 209) פרש"י עה"פ שמות שם, י.

הנחה הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ט א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 725 הודפס ע"י א

און דאס איז וואס רש"י באווארענט - אז ס'זיינען דא ביידע ענינים: משה ואהרן זיינען טאקע "שקולין כאחד", "הם בשליחותם ובצדקתם (אין דעם זעלבן אופן) מתחלה ועד סוף"; אבער אעפ"כ זיינען דא חילוקים צווישן משה מיט אהרן, וואס דערפאר איז דער לשון הפסוק "<u>הוא</u> משה ואהרן" (אע"פ אז ע"פ דקדוק האט געדארפט שטיין "הם") - אויף צו מדגיש זיין אז די זיינען ניט "שקולין כאחד" <u>לגמרי</u>, נאר ס'זיינען דא ענינים אין וועלכע "<u>הוא משה</u> ואהרן" - <u>משה</u> איז דער עיקר, און ס'זיינען דא ענינים אין וועלכע "<u>הוא אהרן</u> ומשה" - <u>אהרן</u> איז דער עיקר.